בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

קמ"ו

יו"ל: ז' מרחשון ה'תשפ"ה לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

**'בזיונות' - למעשה...**

**'רבי' נתן - מיטן רי"ש**

**אלצדינג פארגעסן**

**זיך זוכן בזיונות**

**'ידום' 'וישתוק'**

**"דּוֹם לַה' וְהִתְחוֹלֵל לוֹ"**

**"דו וועסט זיך נישט דערהאלטן!"**

**ער זידלט - און איך שווייג!**

**געבראכט א מתנה!**

**צוויי מאל תשובה טוהן**

**תשובה פון יענער וועלט**

**'דער מלך איז דא ביי מיר אין שטוב!'**

**דווקא ווייל דו ביסט נידריג**

**מקרב זיין די גאנצע וועלט**

## פטרון השיעור

ה"ה הטפסר המרומם הרבני הנגיד

מו"ה **משה ליכטער** הי"ו

אב"י בעיר מאנסי יצ"ו

לרגל השמחה במעונו באירוסי בנו בכורו

המופלג בתוי"ש הבה"ח כמר **יעקב** נ"י

עב"ג מו"ה **משה בארסקי** נ"י - נכד רביז"ל

מעיה"ת לעיקוואד

ויהא רעוא שהזיווג יעלה יפה ויזכו לבנות בית נאמן בישראל על פי דרכי עצותיו של רביז"ל ותלמידיו מרוב תענוג ונחת דקדושה, וכטו"ס אמן

מכון טעם זקנים
שיחותיו של רבי לוי יצחק בנדר ז"ל


הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האָס**

מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**

**(ארה"ק: 072-257-3456)**



©

כל הזכויות שמורות


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של 30$ יש להתקשר:

**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:

**בקו 'מערכת ברסלב'**

**ארה"ק:** 02.560.7387

**ארה"ב:** 646.585.2985

**ענגלאנד:** 0330.390.0487

**בעלגיע:** 03.808.1775

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:**

**2.1.2.1.1# ואח"כ 146#**

בס"ד

# פרשת טהרה

**ו' ניסן, שנת תשל"ו**

(טייפ מס' 161#)

## 'בזיונות' - למעשה...

[לומד בליקוטי מוהר"ן סי' ו']

"כי צריך כל אדם למעט בכבוד עצמו" - מען זאל עוסק זיין און זעהן וואס ווינציגער מאכן זיין כבוד, נישט רודף זיין נאך כבוד, "ולהרבות בכבוד המקום".

עס איז נישט דער פשט אז אביסל יא, נאר ער דארף עוסק זיין אין 'מיעוט הכבוד'. אזוי ווי ביי 'להרבות בכבוד המקום' דארף ער עוסק זיין אין מרבה זיין (וואס מער) דעם אויבערשטנ'ס כבוד, אזוי זאל ער מאכן 'זיך' וואס קלענער. מען קען דאך נישט מיט איינמאל, נאר ער זאל עוסק זיין אין דער ענין פון 'ממעט' זיין דעם 'כבוד עצמו' און 'מרבה' זיין 'בכבוד המקום'.

"כי מי שרודף אחר הכבוד אינו זוכה לכבוד אלקים". עס איז א פסוק דא אין משלי (כה, ב): "כְּבֹד אֱלֹקִים הַסְתֵּר דָּבָר, וּכְבֹד מְלָכִים חֲקֹר דָּבָר". דער רבי טייטשט עס דא איין אז דער וואס איז 'רודף אחר הכבוד' איז נאר זוכה צו 'כבוד מלכים', "שנאמר בו 'כבוד מלכים חקור דבר'. והכל חוקרים אחריו ושואלים: מי הוא זה ואיזהו שחולקים לו כבוד הזה?! וחולקים עליו, שאומרים שאינו ראוי לכבוד הזה".

אונזערע לייט פלעגן זאגן: דער עיקר 'הכל חוקרים' דאס מיינט מען אויבן גאר. אוודאי דא אויך. אבער אויבן - 'ווער איז דער דאזיגער? פארוואס קומט אים עפעס כבוד? ווער איז ער? פארוואס קומט אים דעם כבוד?!'. אונטן קריגט מען, און אויבן קריגט מען אויך. דער עיקר 'שטעקן' איז פון אויבן.

**אויבן אז מען קריגט אויף אים איז טאקע א סכנה. דער רבי זאגט אין א תורה[א]: כבוד איז א סכנה. עס איז א סכנה אז מען פרעגט אויבן - 'ווער איז ער?!' - איז ער שוין אין א סכנה.**

**אז מען הויבט אָן אויבן צו געבן בזיונות - אז מען ווערט קראנק איז א בזיון, אַן ארעמאן איז א בזיון, אז ער גיט א פאל - דער אויבערשטער זאל אפהיטן - איז א בזיון. פון אויבן גיט מען גוטע בזיונות, פון אויבן גיט מען נישט קיין בזיונות מיט דיבורים, מען גיט בזיונות מיט מעשים - מיט פעולות... דאס איז אלץ בזיונות.**

❖

## ר' נתן - מיטן רי"ש

**רבי נתן איידער ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן איז ער געוועזן אזוי חשוב - אז דער שווער האט געוואלט ער זאל זיין ביי אים, און דער טאטע האט געוואלט ער זאל זיין ביי אים, מען האט זיך געריסן איבער אים. עס איז שוין געוועזן אכט יאר נאך דער חתונה, און מען האט זיך געריסן איבער אים אזוי ווי איבער א גאלדענעם פינגערל, ער האט געהאט כבוד פון אלע זייטן.**

**אז ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן, האט דער טאטע אים נישט געוואלט האבן - דער טאטע האט אים אוועקגעטריבן פון שטוב, און דער שווער האט נישט געוואלט ליידן - - מען האט אים גע'רודפ'ט.**

**קומט דאך אויס, צו דעם 'כבוד אלקים' וואס איז 'הסתר דבר' צו דעם הייסט מען אים צו ווארטן. דערנאך וועסטו טאקע באקומען 'כבוד אלקים'.**

**עס איז א מכתב דא[ב] ווי רבי נתן שרייבט: "דער טאטע איז איצטער דא ביי מיר; דער אויבערשטער זאל העלפן איך זאל זוכה זיין צו מקיים זיין 'כיבוד אב'!".**

---

[א] ליקוטי מוהר"ן סי' קל"א: צָרִיךְ לְהִתְיָרֵא וְלִפְחֹד מִן הַכָּבוֹד, כִּי **כָּבוֹד הוּא סַכָּנָה גְּדוֹלָה, סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת.** כִּי הוּא דָּן אֶת כָּל הַדִּינִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים כ"ד): "מֶלֶךְ הַכָּבוֹד", כִּי כָּבוֹד הוּא בְּחִינַת מַלְכוּת הַדָּן אֶת הַכֹּל. וַאֲזַי הַכֹּל חוֹקְרִים וְשׁוֹאֲלִין "מִי הוּא זֶה מֶלֶךְ הַכָּבוֹד", אִם הוּא רָאוּי לָזֶה.

[ב] עלים לתרופה - יום ד' חיי שרה תקצ"א.

כ'האב געהערט אז דער טאטע פלעגט אים רופן "ר' נתן" - מיטן רי"ש. דער טאטע האט גערופן דעם זון: "ר' נתן"! - אזוי איז טאקע געווען שפעטער. אבער עס גייט נישט באלד, דערווייל גייט "ישמע בזיונו ידום וישתוק"; צום סוף לאזט זיך אויס אז ער האט טאקע 'כבוד אלקים'. דער טאטע האט אים אזוי גע'רודפ'ט, און נאכדעם האט דער טאטע אים אפגעגעבן כבוד, אים גערופן מיט דעם רי"ש - "ר' נתן". דער טאטע האט נאכדעם געזעהן ווער ער איז, דער טאטע האט שוין געזעהן ווער רבי נתן איז, אבער דאס איז נישט באלד[ג].

רבי נתן האט געזאגט טאקע[ד]: "ביז מען ווערט אַן איש כשר 'צריך להתמהמה הרבה'!" - רבי נתן האט דאס מקיים געווען[ה].

רבי נתן האט געוואוסט אז דעם רבי'נס זאך איז 'אפרסמון'[ו]. אפרסמון איז 'שמן משחת קודש' - הייליגע מוחין. עס איז דא לשונות אין זוהר הקדוש: "בוצינא קדישא" - דאס איז אלץ 'שמן משחת קודש', דאס איז אפרסמון. אז ער וויל קויפן אפרסמון, ער וויל קויפן 'שמן משחת קודש', איז מען זיך זייער מחיה מיט אים, ער איז זייער א גוטער קונה; אבער – 'ווארט צו, איך קען דיר נישט געבן באלד'.

און אז מען הייסט אים ווארטן, וואס זאל ער דערווייל טוהן? ער זאל זיצן ליידיג? פון זיצן ליידיג וועט ער גארנישט באקומען... נאר ער זאל נישט אויפהערן צו וועלן; דו ווילסט קויפן און מען הייסט דיר ווארטן, זאלסטו אבער נישט אויפהערן צו וועלן, דו זאלסט האלטן אין איין וועלן, אזוי וועסטו זיך דערווארטן, דו וועסט באקומען, דו וועסט קויפן דעם אפרסמון. אז ער קומט אבער אריין און ער וויל קויפן 'שוין' - אז נישט טרעט ער אפ, (וועט ער נישט קויפן). אויף אפרסמון מוז מען צו ווארטן.

---

[ג] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ג' בהערה שם: וּבֶאֱמֶת אַחַר כַּמָּה שָׁנִים הִתְחָרֵט אָבִיו מְאֹד עַל כָּל אֲשֶׁר הֵצַר לוֹ וְהוֹדָה לוֹ עַל כָּל מַעֲשָׂיו בְּכָל לִבּוֹ וְנַפְשׁוֹ. וְזֶה הָיָה עוֹד בָּזֶה הָעוֹלָם, וּמִכָּל שֶׁכֵּן בָּעוֹלָם הַבָּא, בְּוַדַּאי הוּא מַחֲזִיק לוֹ טוֹבָה בְּלִי שִׁעוּר כִּי 'בְּרָא מְזַכֶּה אַבָּא' כַּמּוּבָא בְּסִפְרֵי אֱמֶת.

[ד] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן - אות י"ד.

[ה] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ה' עקב תקפ"ט: **וְהִנֵּה אָנֹכִי בְּעָנְיִי כְּבָר הִמְתַּנְתִּי הַרְבֵּה הַרְבֵּה**, וְעֵינֵינוּ כָּלוֹת כָּל הַיּוֹם, לִישׁוּעָתוֹ הָאֲמִתִּיּוֹת. וּכְבָר רָאִיתִי יְשׁוּעוֹת ה' הַרְבֵּה בְּלִי שִׁעוּר, אַךְ אַף עַל פִּי כֵן בַּמֶּה שֶׁעֲדַיִן לֹא נוֹשַׁעְתִּי **אֲנִי מַמְתִּין עֲדַיִן עֲדַיִן**, עַד יַשְׁקִיף וְיֵרֶא ה' מִשָּׁמָיִם. חֲזַק בְּנִי וֶחֱזַק.

[ו] עיין בתורה זו בהמשך - מועתק לקמן.

אז איינער וויל כבוד - און ער וויל ווערן מקורב, קען ער נישט באקומען קיין אפרסמון. אז דו ווילסט טאקע קויפן אפרסמון - דער רבי האט א זאג געגעבן: "איך וויל אז איר זאלט זיין פון די וואס זענען מיר איינגעבאקן אין הארץ!". אז ער וויל קויפן אפרסמון ביים צדיק - אט דאס איז 'איינגעבאקן ביי אים אין הארץ'.

דער רבי האט געזאגט: "עס איז דא ביי מיר דריי כיתות חסידים; איין כיתה קומט כאפן שיריים; און די וואס קומען הערן תורה; און עס איז דא וואס זענען מיר איינגעבאקן אין הארץ; און איך וויל אז איר זאלט זיין פון די וואס זענען מיר איינגעבאקן אין הארץ!" - פארביידן - פאר רבי נתן און רבי נפתלי (אמר זאת רבינו).

רבי נתן איז טאקע געווען דער דאזיגער וואס איז געווען ביים רבי'ן איינגעבאקן אין הארץ. פארוואס? ווייל ער האט געוואלט קויפן אפרסמון! אז ער איז געקומען צו רבי'ן האט ער געפילט א שינוי אין דעם מח, א 'שמן משחת קודש', א שמעקעדיגער שמן, א שמעקעדיגן דעת.

אז ער איז כאטש נישט קיין מתנגד איז טאקע שוין אויך גוט; אבער ביים רבי'ן קען מען אזוי זוכה זיין אז מען זאל זיין איינגעבאקן ביי אים אין הארץ. אז מען קומט שוין צום רבי'ן, אז מען איז שוין דא, האב שכל, טוה שוין בעסער. דאס איז אויך גוט, אבער דא איז דא אזא מין סארט הייליגער פאבריק פון אידישקייט אז דו קענסט שוין קויפן בעסער.

❖

"אבל מי שבורח מן הכבוד, שממעט בכבוד עצמו ומרבה בכבוד המקום, אזי הוא זוכה לכבוד אלקים, ואז אין בני אדם חוקרים על כבודו אם הוא ראוי אם לאו, ועליו נאמר 'כבוד אלקים הסתר דבר', כי אסור לחקור על הכבוד הזה".

איי מיר זעהען דאך ארוים אז אידן וואס זענען 'בורח מן הכבוד' - און (עם כל זה) זיי האבן דא בזיונות? נאר דער עיקר איז אויבן; אז ער איז א 'בורח מן הכבוד' - זאגט מען אויבן: 'אויף אים טאר מען נישט קלערן!' "כי אסור לחקור על הכבוד הזה", אים קומט

עס. דא אונטן - איז יא - איז נישט; אבער אז אויבן איז מען מקטרג אויף אים, (דאס איז דער עיקר חסרון).

דער אויבערשטער האט געהאלפן רבי נתן'ען אז ער איז שוין געוואויר געווארן דורכן רבי'ן אז ער דארףווארטן און אז ער דארף מקבל זיין די אלע בזיונות אויף זיך, ממילא איז ער געווארן "ר' נתן".

## אלצדינג פארגעסן

רבי יודל איז געווען א תלמיד ביי דעם רבי פנחס'ל קאריצער - א קלייניקייט?! רבי פנחס'ל איז נפטר געווארן תקנ"א, און ער איז דעמאלט געווארן מקורב צום רבי'ן - רבי יודל, ער איז שוין דעמאלט אלט געווען זעקס-זיבן און דרייסיג יאר. קומט אויס, ער איז געווען עלטער פון רבי'ן א פופצן-זעכצן יאר[ז], געווען א תלמיד ביים רבי פנחס'ל קאריצער - א געוואלד! א 'חד בדרא' איז דאך געווען רבי פנחס'ל קאריצער![ח].

אזא איד א צדיק א קדוש, קומט ער אריין צום רבי'ן אזוי ווי עס קומט אריין א גדול צו א גדול: "יורנו רבינו דרך לעבודת ה'". האט דער רבי געזעהן אז אין דעם וועג וועט ער אים נישט נעמען (צו זיין) קיין תלמיד. האט דער רבי אים געזאגט: "**לדעת בארץ דרכך?**" - 'דו ליגסט גאר אין 'ארציות', ווילסטו וויסן א דרך אין עבודת ה'?!'. אבער ער איז געווארן מקורב[ט].

אז ער איז שוין געווארן מקורב איז ער אפגעווען זעקס וואכן ביים רבי'ן ביים ערשטן מאל, ביז ער איז געווארן מקורב אזוי ווי מען דארף. ער האט דאך געוואוינט אין דאשיב;

---

[ז] עיין חיי מוהר"ן אות תרי"א: וְהָרַב יוּדִיל הַנַּ"ל חֲתָנוֹ הָיָה לַמְדָן גָּדוֹל גַּם בַּעַל מְקֻבָּל וְזָקֵן בְּשָׁעָה שֶׁנִּתְקָרֵב אֶל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָיָה אָז רַךְ בַּשָּׁנִים, וְהָיָה בְּאוֹתָהּ הָעֵת בְּמֶעדְוֶעדִיוְקֶע, וְהוּא הָיָה דָּר בָּעִיר דַּאשִׁיב, בְּעֵרֶךְ שְׁלֹשִׁים פַּרְסָאוֹת מִמֶּעדְוֶעדִיוְקֶע, וְאָמַר אֵיךְ יְכוֹלִין לֵישֵׁב מֻרְחָק כָּזֶה מֵרַבִּי כָּזֶה. וְעִקַּר דִּירָתוֹ מִשָּׁם סָמוּךְ לְמֶעדְוֶעדִיוְקֶע.

[ח] עיין חיי מוהר"ן אות תקנ"ג.

[ט] עיין כל זה בשיחות הר"ן אות רצ"ב; כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות כ"ג.

אז ער איז געקומען אהיים - 'ווי קען מען זיין אזוי ווייט פון א רבי'ן?!' איז ער ארוים קיין מעדוועדיווקע און געוואוינט מיט דעם רבי'ן אין איין שטאט[י].

דער רבי האט געזעהן אז ער איז געקומען נישט אזוי ווי א תלמיד צו א רבי'ן, נאר אזוי ווי א גדול צו א גדול, וועט ער אזוי פון רבי'ן גארנישט נעמען. דער רבי האט געדארפט זאגן דאסווארט: "לדעת בארץ דרכך?!", און נאך, איז ער געווארן מקורב אזוי ווי א תלמיד צו א רבי'ן.

די גמרא זאגט[יא], ווען ר' זירא איז געקומען קיין ארץ ישראל האט ער געפאסט 'הונדערט תעניתים' אז ער זאל פארגעסן תלמוד בבלי. אז מען ווערט מקורב צו א רבי'ן דארף מען אלצדינג פארגעסן פון פריער - ער קען גארנישט, איצטער וויל איך הערן א ווארט - דאס וועט זיין מיין געדאנק[יב].

אט דאס האט רבי נתן געזאגט: **"איך האב זיך אויסגעהוילט דעם מח אינגאנצן!"**. ער האט געוואוסט אז אויב נישט - וועט ער דעם רבי'ן נישט נעמען! אויב ער האט עפעס פון פריער אויך - נאר וואס דען, דער רבי וועט מיך אויך עפעס געבן, וועט ער נישט נעמען. לייג אוועק אינגאנצן דיין מח - 'איך וויים גארנישט!' א ווארט פונעם רבי'ן - דאס איז מיין מח! - איז טאקע דער רבי אריין ביי אים אין מח אריין, ער האט טאקע געהאט ביי זיך דעם רבי'נס מח[יג].

❖

[י] עיין חיי מוהר"ן אות רצ"א; תרי"א.

[יא] ב"מ דף פה.

[יב] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קכ"ג: הָעִקָּר וְהַיְסוֹד שֶׁהַכֹּל תָּלוּי בּוֹ, לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ לְהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר, וּלְקַבֵּל דְּבָרָיו עַל כָּל אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה, דָּבָר קָטֹן וְדָבָר גָּדוֹל. וְלִבְלִי לִנְטוֹת, חַס וְשָׁלוֹם, מִדְּבָרָיו יָמִין וּשְׂמֹאל, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סִפְרִי פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים): 'אֲפִלּוּ אוֹמֵר לְךָ עַל יָמִין שְׂמֹאל' וְכוּ'. וּלְהַשְׁלִיךְ מֵאִתּוֹ כָּל הַחָכְמוֹת, וּלְסַלֵּק דַּעְתּוֹ כְּאִלּוּ אֵין לוֹ שׁוּם שֵׂכֶל, **בִּלְעֲדֵי אֲשֶׁר יְקַבֵּל מֵהַצַּדִּיק וְהָרַב שֶׁבַּדּוֹר**. וְכָל זְמַן שֶׁנִּשְׁאָר אֶצְלוֹ שׁוּם שֵׂכֶל עַצְמוֹ, אֵינוֹ בִּשְׁלֵמוּת, וְאֵינוֹ מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק.

[יג] עיין חיי מוהר"ן אות ש"כ: אָמַר כָּל מִי שֶׁיְּצַיֵּת אוֹתִי וִיקַיֵּם כָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְצַוֶּה, בְּוַדַּאי יִהְיֶה צַדִּיק גָּדוֹל יִהְיֶה מַה שֶּׁיִּהְיֶה. **וְהָעִקָּר** לְהַשְׁלִיךְ שֵׂכֶל עַצְמוֹ לְגַמְרֵי רַק כַּאֲשֶׁר יֹאמַר הוּא, יְקַיֵּם הַכֹּל כְּמַאֲמָרוֹ.

# זיך זוכן בזיונות

זאגט דער רבי אזוי (אות ב'): "ואי אפשר לזכות לכבוד הזה" - מען קען נישט זוכה זיין צו דעם כבוד וואס עס זאל זיין 'הסתר דבר', "אלא על ידי תשובה. ועיקר התשובה - כשישמע בזיונו ידום וישתוק".

קומט אויס, אז מען וויל באמת אריינגיין אין דעם דרך פון תשובה, מן השמים פירט מען שוין אזוי צו מען זאל אים מבזה זיין.

איך געדענק פון "שערי ציון" - היינט זעה איך עס נישט - איז געשטאנען אזוי: דער אר"י האט געזאגט צו די חברייא: "מיט וואס וועט איר זוכה זיין צו תשובה? - עניות? - ווילט איר נישט קיין 'עניות! 'חולאת' חס ושלום? - ווילט איר נישט! און אויב קיין בזיון - הערן און שווייגן - אויך נישט, איז 'במה תזכו לתשובה'?!"[יד].

---

[יד] עיין תומר דבורה (להרמ"ק, פרק ב'): וַאֲנִי מָצָאתִי תְּרוּפָה לְהַרְגִּיל הָאָדָם אֶת עַצְמוֹ בְּמִדַּת הָעֲנָוָה, יַעֲשֶׂה תַּחְבֹּשֶׁת מִשְּׁלֹשָׁה סַמִּים. הָאֶחָד, שֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִהְיוֹת **בּוֹרֵחַ מֵהַכָּבוֹד** כָּל מַה שֶּׁיּוּכַל, שֶׁאִם יִתְנַהֵג שֶׁיְּכַבְּדוּהוּ בְּנֵי אָדָם, יִתְלַמֵּד בָּהֶם עַל צַד הַגַּאֲוָה, וְיִתְרַצֶּה הַטֶּבַע תָּמִיד בְּכָךְ, וּבְקשִׁי יוּכַל לְהֵרָפֵא. הַשֵּׁנִי, שֶׁיַּרְגִּיל מַחֲשַׁבְתּוֹ **לִרְאוֹת בִּבְזְיוֹנוֹ**, וְיֹאמַר, עִם הֱיוֹת שֶׁבְּנֵי אָדָם אֵינָם יוֹדְעִים אֶת גְּרִיעוּתִי, מַה לִּי בָּזֶה, וְכִי אֲנִי אֵינִי מַכִּיר בְּעַצְמִי, שֶׁאֲנִי נִבְזֶה בְּכָךְ וְכָךְ, אִם בְּהֶעְדֵּר הַיְדִיעָה, וְחֻלְשַׁת הַיְכֹלֶת, וּבִזְיוֹן הַמַּאֲכָל וְהַפֶּרֶשׁ הַיּוֹצֵא מִמֶּנִּי, וְכַיּוֹצֵא, עַד שֶׁיִּהְיֶה נִבְזֶה בְּעֵינָיו נִמְאָס. הַשְּׁלִישִׁי, שֶׁיַּחְשֹׁב עַל עֲוֹנוֹתָיו תָּמִיד, וְיִרְצֶה בְּטָהֳרָה וְתוֹכַחַת וְיִסּוּרִים. וְיֹאמַר, **מַה הֵם הַיִּסּוּרִים הַיּוֹתֵר טוֹבִים שֶׁבָּעוֹלָם שֶׁלֹּא יַטְרִידוּנִי מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם? אֵין חָבִיב בְּכֻלָּם מֵאֵלּוּ שֶׁיְּחָרְפוּהוּ וִיבַזּוּהוּ וִיגַדְּפוּהוּ! שֶׁהֲרֵי לֹא יִמְנְעוּ מִמֶּנּוּ כֹּחוֹ וְאֵינוֹ בָּחֳלָאִים, וְלֹא יִמְנְעוּ [מִמֶּנּוּ] אֲכִילָתוֹ וּמַלְבּוּשׁוֹ, וְלֹא יִמְנְעוּ חַיָּיו וְחַיֵּי בָּנָיו בְּמִיתָה, אִם כֵּן מַמָּשׁ יַחְפֹּץ בָּהֶם, וְיֹאמַר, מַה לִּי לְהִתְעַנּוֹת [וּ]לְהִסְתַּגֵּף בְּשַׂקִּים וּבְמַלְקִיּוֹת הַמַּחְלִישִׁים כֹּחִי מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וַאֲנִי לוֹקֵחַ אוֹתָם בְּיָדִי? יוֹתֵר טוֹב אֶסְתַּגֵּף בְּבִזְיוֹן בְּנֵי אָדָם וְחֶרְפָּתָם לִי, וְלֹא יָסוּר כֹּחִי וְלֹא יֶחֱלַשׁ. וּבָזֶה כְּשֶׁיָּבוֹאוּ הָעֶלְבּוֹנוֹת עָלָיו, יִשְׂמַח בָּהֶם, וְאַדְּרַבָּה יַחְפֹּץ בָּהֶם**, עכ"ל. גם עיין ספר קול בוכים (לר' אברהם גאלנטי תלמיד הרמ"ק) על פסוק (איכה ג, ל) 'יִתֵּן לְמַכֵּהוּ לֶחִי יִשְׂבַּע בְּחֶרְפָּה', וזל"ש: **יִהְיֶה שָׂמֵחַ כָּל כָּךְ בַּחֶרְפָּה הַהִיא, כְּאִלּוּ אָכַל וְשָׂבַע**. וְזוֹ הִיא תְּשׁוּבָה נִפְלָאָה, **כְּמוֹ שֶׁהָיָה מְרַגְּלָא בְּפוּמֵיהּ דְּמוֹרִי זלה"ה** (הרמ"ק) שֶׁהָיָה אוֹמֵר, שֶׁבְּכָל הַתְּשׁוּבוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, הַמְעֻלָּה שֶׁבְּכֻלָּם לְמָרֵק הַחֲטָאוֹת וְהַזְּדוֹנוֹת וְהַפְּשָׁעִים, הִיא סְבִילַת הָעֶלְבּוֹנוֹת וְהַחֵרוּפִים וְהַגִּדּוּפִים. וְהִיא מְעֻלָּה יוֹתֵר מִכָּל מַלְקִיּוֹת וְסִגּוּפֵי תַּעֲנִיּוֹת שֶׁבָּעוֹלָם. כִּי אִם יְסַגֵּף עַצְמוֹ לְבַד, יֶחֱלַשׁ וְיִבָּטֵל בְּדִבְרֵי תּוֹרָה לְמַאן דְּלָא אֶפְשָׁר לֵיהּ, וְנִקְרָא חוֹטֵא. וְכֵן בְּמַלְקִיּוֹת וְכַיּוֹצֵא. אָמְנָם בְּמִדָּה זוֹ, תֹּאכַל וְתִשְׁתֶּה וְתַעֲבֹד, וְהָעֲוֹנוֹת מִתְכַּפְּרִים, וּמִבִּינָתְךָ חֲדַל. **כִּי הַגַּע עַצְמְךָ, שֶׁיֹּאמְרוּ לְךָ, תִּרְצֶה שֶׁיָּבֹא לְךָ הֶפְסֵד מָמוֹן אוֹ נְפִילַת בָּתִּים. תָּשִׁיב 'לֹא'. וְאִם יֹאמְרוּ לְךָ, תִּרְצֶה לְקַבֵּל עָלֶיךָ מִיתַת בָּנִים. תָּשִׁיב 'חַס וְשָׁלוֹם, אֶלָּא אַתָּה ה' תִּשְׁמְרֵם'. וְאִם יֹאמְרוּ, תִּרְצֶה שֶׁיַּכְּךָ ה' בְּשַׁחֶפֶת וּבְקַדַּחַת בִּקְרִירֵי וַחֲמִימֵי, מִיָּד יָרוּץ לִבְּךָ וְתָשִׁיב 'רַחֲמָנָא לִצְלַן'. וְכֵן אִם יֹאמְרוּ לְךָ, עַל הַמִּיתָה וְהַגֵּיהִנֹּם וְעַל הַגִּלְגּוּלִים הָרָעִים, עַל הַכֹּל תָּשִׁיב 'חַס וְשָׁלוֹם'. אִם כֵּן, תֹּאמַר [לִי], בְּחַיֶּיךָ, הַחֲטָאִים וְהָעֲוֹנוֹת וְהַפְּשָׁעִים שֶׁחָטָאתָ וְשֶׁעָוִיתָ וְשֶׁפָּשַׁעְתָּ, וּפָגַמְתָּ בַּמַּעֲלוֹת הָרָמוֹת,**

דער אר"י הקדוש האט אזוי געזאגט צו די חברייא: "מיט וואס ווילט איר זוכה זיין צו תשובה?" ער האט אנגעהויבן אויסצורעכענען - "עניות ווילט איר נישט, חולאת - אויך נישט; וואס דען? הערן א בזיון און שווייגן - דאס אויך נישט? איז מיט וואס וועט איר זוכה זיין צו תשובה??!".

## 'ידום' 'וישתוק'

רבי אברהם ר' נחמן'ס פרעגט אין "ביאור הליקוטים", אויב מיין תשובה הענגט אָן אין יענעם - אז יענער זאל מיר מבזה זיין - איך דארף דאך תמיד טוהן תשובה; אז יענער איז מיך נישט מבזה - ווי קען איך זוכה זיין צו תשובה? קומט אויס אז מיין תשובה הענגט גארנישט אָן אין מיר, עס הענגט דאך אָן אין יענעם? ברענגט רבי אברהם ר' נחמן'ס: מען דארף זיך אליין מבזה זיין; ווען ער האט דארטן התבודדות, דארף ער אליין זיך מבזה זיין, זיך אליין אויסזידלען. איי, קען ער דאך אראפפאלן ביי זיך? זאל ער שווייגן! ער זאל זיך האלטן! ער זאל נישט אראפפאלן ביי זיך![טו].

דער רבי זאגט דא: "ידום וישתוק". ווייטער זאגט דער רבי: "דמימה ושתיקה" - אלץ א צווייענדיגער לשון. פארוואס זאגט דער רבי צוויי מאל 'ידום' 'וישתוק' - צוויי מאל

**בַּעֲשִׂיָּה וִיצִירָה וּבְרִיאָה וַאֲצִילוּת, מַחְצַב נִשְׁמָתְךָ, מִיּוֹם הֱיוֹתְךָ עַל הָאֲדָמָה, בַּמֶּה יְכֻפַּר ... לָכֵן זֹאת הָעֵצָה הַיְעוּצָה, מֵאֵת ה' צְבָאוֹת יָצְאָה לֵאמֹר, 'יִתֵּן לְמַכֵּהוּ לֶחִי יִשְׂבַּע בְּחֶרְפָּה' כַּמְדֻבָּר, וּבָזֶה לֹא יַזְנִיחֲךָ אֱלֹקִים לְעוֹלָם.** וְזֶהוּ 'כִּי לֹא יִזְנַח לְעוֹלָם ה'' (איכה שם, לא). גם עיין ספר שערי קדושה (לר"ח וויטאל) ח"א שער ו': **ואם עיני שכל לך, היה לך לחפש מי שיצערך, כי חיים אתה מבקש לך.**

[טו] והיא עפ"י מ"ש בליקוטי הלכות הל' ברכת הפירות ה"ה, אות ט"ו, וזל"ש: וְאִם אֵין לוֹ בִּזְיוֹנוֹת וּשְׁפִיכוּת דָּמִים מֵאֲחֵרִים צָרִיךְ לְבַזּוֹת אֶת עַצְמוֹ **וְלִשְׁפֹּךְ אֶת דָּמוֹ בְּעַצְמוֹ** וּלְהִתְבַּיֵּשׁ בְּעַצְמוֹ עַל מַעֲשָׂיו וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: כָּל הָעוֹבֵר עֲבֵרָה וּמִתְבַּיֵּשׁ בָּהּ מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲווֹנוֹתָיו. כִּי הַבּוּשָׁה עִקַּר הַתְּשׁוּבָה כַּנַּ"ל. גם עיין שם הל' שבת ה"ז, אות מ"ה, וזל"ש: בְּוַדַּאי צָרִיךְ הַבַּעַל תְּשׁוּבָה לִסְבֹּל בִּזְיוֹנוֹת וּשְׁפִיכוּת דָּמִים בְּכַמָּה בְּחִינוֹת וְכַמְבֹאָר בְּהַתּוֹרָה הַנַּ"ל שֶׁעִקַּר הַתְּשׁוּבָה הוּא כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק וִיקַיֵּם דֹּם לַה' וְכוּ', וּבִכְלַל זֶה הוּא גַּם כֵּן מַה שֶּׁצָּרִיךְ לִסְבֹּל בִּזְיוֹנוֹת וּשְׁפִיכוּת דָּמִים **מֵעַצְמוֹ** בִּבְחִינַת חֶרְפָּה שָׁבְרָה לִבִּי וְכוּ', כִּי צָרִיךְ לְהִתְבַּיֵּשׁ בְּעַצְמוֹ מֵעֲווֹנוֹתָיו וּפְגָמָיו עַד שֶׁיִּהְיֶה נִשְׁפָּךְ דָּמָיו בְּקִרְבּוֹ וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, כָּל הָעוֹבֵר עֲבֵרָה וּמִתְבַּיֵּשׁ בָּהּ מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲווֹנוֹתָיו, **אֲבָל אַף עַל פִּי כֵן** צְרִיכִין לִהְיוֹת בָּקִי בַּהֲלָכָה זֹאת מְאֹד **שֶׁלֹּא יָבֹא עַל יְדֵי זֶה לְעַצְבוּת** וּמָרָה שְׁחוֹרָה דְּסִטְרָא אַחֲרָא.

שווייגן? נאר דער רבי זאגט אלץ צוויי מאל 'ידום' 'וישתוק', ווייל אז יענער איז מיך מבזה איז דא צוויי מאל צו שווייגן; איינמאל דארף איך שווייגן מיט דעם מויל - נישט אפ'ענטפערן; און איך דארף שווייגן אין הארצן - פארשטיין אז מיר קומט דעם בזיון.

אז איינער מיט דעם מויל שווייגט ער, אבער אין הארץ טראכט ער 'פארוואס קומט עס מיר? וואס וויל ער האבן פון מיר? פארוואס זידלט ער מיר?' - וועט זיך נישט אויסארבעטן די תשובה. עס דארף זיין א 'דמימה בפה', און א 'שתיקה בלב'. פאר דעם זאגט דער רבי צוויי מאל 'ידום' 'וישתוק', און אזוי ווייטער - 'דמימה' 'ושתיקה', אלץ א צווייענדיגער לשון, ווייל עס דארף זיין א צווייענדיגער שווייגן, אז נישט וועט זיך נישט אויסארבעטן דער בזיון.

ער דארף טאקע נישט וועלן אז יענער זאל אים מבזה זיין, און ער דארף נישט גורם זיין דערצו, אבער אז דער אויבערשטער האט אויף אים רחמנות און שיקט אים צו א בזיון - זאל ער שווייגן און נישט ענטפערן און האבן התבודדות אז מיר קומט דעם בזיון - 'איך האב מבזה געווען דעם אויבערשטן - קומט מיר אפצוגעבן א בזיון!'. "ובוזי יקלו".

דער אויבערשטער איז שוין אליין מסבב סיבות (ער זאל באקומען א בזיון), ער דארף דאס נישט גורם זיין. אויב ער איז גורם - טאר ער נישט (להכשיל) אז יענער זאל אים זידלען - דאס טאר מען נישט טוהן - נאר אויב משמים פירט מען אזוי צו; האט דען רבי נתן געטוהן זאכענישן מען זאל אים זידלען?!

אין די דריי יאר וואס מען האט אים פארשיקט קיין נעמיראוו איז ער געגאנגען פאר חצות אין מקוה, און פארן דאווענען נאכאמאל. ער האט געהאט דאס חולאת פון חולי מעיים - און עס איז קאלטע מקוואות געווען - אט דאס האט ער געטוהן. ער איז דען געגאנגען אנטקעגן?! ער האט עפעס אפגענטפערט?! ער האט געזאגט: "איך וויל נישט זיין קיין רודף - איך וויל זיין א נרדף!".

ער האט געקענט זיין א רודף אויך - "ניין! איך וויל נישט זיין קיין רודף, איך וויל זיין א נרדף!". נאר וואס דען, ער האט געטוהן תשובה אויף דעם רבי'נס וועג, התבודדות, חצות, 'הניעור בלילה' - ער האט געטוהן תשובה.

# "דּוֹם לַה' וְהִתְחוֹלֵל לוֹ"

זאגט דער רבי: "ועיקר התשובה כשישמע בזיונו ידום וישתוק. כי לית כבוד בלא כף" - כבוד מוז דאך זיין מיט א כ"ף. "און דער כ"ף איז כתר. און 'כתר' דאס איז בחינת אקי"ק". און אקי"ק איז דער טייטש - 'איך וועל זיין!' - אט דאס איז תשובה. "כי אקי"ק דא אנא זמין למהוי" - דער עיקר תשובה איז, אז דער מענטש וויל זיך אנגרייטן - 'איך וויל האבן א הוויה'.

"היינו קודם התשובה עדיין אין לו הוויה" - איידער א מענטש טוהט תשובה האט ער גארנישט קיין הוויה אין דער וועלט, "כאילו עדיין לו נתהווה בעולם" - גליין ווי ער איז גארנישטא אין דער וועלט, "כי טוב לו שלא נברא משנברא". אט דאס הייסט תשובה - "אקי"ק" - 'איך וויל אנהויבן האבן אַן הוויה אין דער וועלט'. אויב ער טראכט גארנישט פון קיין תשובה, איז בעסער 'שלא נברא משנברא'.

("וכשבא לטהר את עצמו ולעשות תשובה" -) און אז ער קומט זיך מטהר זיין און טוהן תשובה, "דעמאלט איז ער אין די בחינה פון אקי"ק, היינו שיהיה לו הוויה בעולם" - איך וויל האבן עפעס א הוויה אין דער וועלט, "היינו 'אנא זמין למיהוי'".

זאגט דער רבי: אט די זאך פון 'איך וויל זיין', דאס איז א מין 'וואַרטן', דאס איז די זאך פון 'כתר'. 'כתר' איז א לשון המתנה. 'כתר' איז דאך די העכסטע ספירה, און 'כתר' איז טייטש גאר - 'ווארטן' - "כַּתַּר לִי זְעֵיר" (איוב לו, ב).

פון וואנעט איז די ראיה אז מען דארף ווארטן ביזן טוהן תשובה? "כמו שאמרו חז"ל (יומא לח: לט.): 'הבא לטהר מסייעין לו'. משל לאחד, שבא לקנות אפרסמון - זאגט מען אים: 'ווארט צו'"; איז א ראיה אז צו תשובה דארף מען ווארטן.

דער רבי זאגט אין אַן אנדערע תורה[טז], אין הימל איז דא אויף אים א קטרוג. ביז יעצט איז ער דאך געלעגן דארט אין אלע תאוות, אין אלע מידות רעות, און יעצט וויל ער זיין נאנט צום אויבערשטן? - איז מען מקטרג, מוז ער ווארטן, קען מען נישט שוין

---

[טז] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קט"ו: כִּי מִי שֶׁהוּא הוֹלֵךְ בְּגַשְׁמִיּוּת כָּל יָמָיו, וְאַחַר כָּךְ נִתְלַהֵב וְרוֹצֶה לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אֲזַי מִדַּת הַדִּין מְקַטְרֵג עָלָיו, וְאֵינוֹ מַנִּיחַ אוֹתוֹ לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וּמַזְמִין לוֹ מְנִיעָה.

ארײנשפרינגען אין היכל המלך ארײן מיט די אלע נארישקײטן און מידות רעות, עס קען נישט זײן אזוי. מען װעט דיר העלפן - אבער דו מוזט צו-װארטן. אז דו ביזט געװען אזוי װי דו ביזט געװען - מוזטו װארטן.

אפילו צדיקים װען זײ װילן גײן העכער, הײסט דאס אויך א בחינת אקי"ק, מוז ער אויך װארטן; אז אז ער װיל מער זײן נענטער צום אויבערשטן - מוז ער אויך װארטן. קײן 'שוין' איז נישטא. "כתר לי זעיר ואחווך" - אט דאס איז 'כתר'.

"אבל קודם התשובה, אזי בחינת אקי"ק בהסתרת פנים ממנו" - דער שם אקי"ק איז פון מיר פארבארגן, 'בהסתר פנים', "כי עדיין לא הכין את עצמו למהוי בעולם" - ער האט זיך נאכנישט צוגעגרײט ער זאל האבן אַן הויה אין דער װעלט.

"והסתרת פני אקי"ק" - באטרעפט "דם". [דאס הײסט, אז מען װיל שרײבן אקי"ק: א' א"ק אק"י אקי"ק, באטרעפט דאס "פיר-און-פערציג". דאס הײסט, איך קער זיך אלעמאל אום אויף צוריק. אט דאס איז די גמטריא פון "דם"]. װאס הײסט דַם? דם איז שפיכות דמים ובזיונות. פארװאס טאקע? װײל "ובוזי יקלו" - עס קומט אים, ער האט דאך דעם אויבערשטן 'מבזה' געװען. יעדע זאך װאס עס גײט אנטקעגן (רצון ה') איז מען מבזה דעם אויבערשטן. 'אז ער האט מיך מבזה געװען - מוז ער דאך װערן פארשעמט', "ובוזי יקלו", ער מוז װערן פארשעמט.

אונזערע לײט זאגן, דאס אלײן אז דער שם אקי"ק איז בהסתרת פנים איז שוין א בזיון. פארװאס איז דער שם אקי"ק בײ דיר בהסתרת פנים?! דער שם אקי"ק איז דאך אײנס פון די שמות הקדושים - פארװאס איז ער בײ דיר בהסתרת פנים?! איז ער דאך שוין מבזה דעם אויבערשטן. אז דער שם אקי"ק איז בײ אים בהסתרת פנים, איז טאקע דא 'דם', 'ובוזי יקלו'.

און װאס העלפן די בזיונות? "כי עדיין הדם שבחלל השמאלי שבלב ששם מדור היצר הרע, כמו שכתוב (קהלת י, ב): 'וְלֵב כְּסִיל לִשְׂמֹאלוֹ', עדיין הוא בתוקף ועוז" - די בלוטן װאס זענען דא אין הארץ װאס דארטן איז דער מדור היצר הרע, זענען נאך בתוקף ועוז.

און וואס וועט זיין אז ער וועט ווערן פארשעמט? "ובשביל זה" - ווייל די בלוטן קאכן נאך אין אים, זיי זענען נאך שטארק, קומען אויף אים "בזיונות ושפיכות דמים" - דאס איז א גוטע זאך, דאס לייטערט, דאס רייניגט די בלוטן. "כי זה בחינת הסתרת והחזרת פני אקי"ק, גימטריא דם"; אז דער שם אקי"ק איז פון דיר בהסתרת פנים, מוז אויף דיר זיין 'דם'.

איז וואס זאל ער טוהן? "ותיקון לזה, אז ער זאל מהפך זיין דעם דַם - לדֹם". דאס איז די אייגענע אותיות. 'דֹם' - שווייג; מאך נישט קיין נייע אותיות, נאר מאך אַן אנדער צירוף, פון דַם מאך דֹם, [דאס איז דאך פון אויבן (בחולם), דאס איז די נקודה העליונה].

אז דו האסט מבזה געווען דעם אויבערשטן, מוז אויף דיר קומען בזיונות, מוז זיין דַם. און דו זאלסט מאכן דֹם - דו זאלסט שווייגן, "ער זאל זיין 'מן השומעים חרפתם ואינם משיבים', ולא ידקדק על בזיון כבודו". א מענטש זאל זיך באמת מיישב זיין, ווייל איך האב אזוי פיל מבזה געווען דעם אויבערשטן מוז מען דאך מיר מבזה זיין.

און אז ער איז מקיים דעם 'דֹם לה', "אז הקב"ה מפיל לו חללים חללים". די גמרא (גיטין ז.) טייטשט [אויפן פסוק (תהלים לז, ז): "דּוֹם לַה' וְהִתְחוֹלֵל לוֹ"], אז די שונאים וועלן ווערן געה'רג'עט, "דום לה' - והוא יפיל לך חללים". איז פשט, אז ער האט שונאים - 'שווייג' - און דער אויבערשטער וועט זיי מאכן 'חללים'.

דער רבי טייטשט דא אנדערש, "דער אויבערשטער וועט דיר ארייַנלאזן א חלל אין הארץ!". "דום" - אז דו וועסט שווייגן, "לה'" - וועגן דעם אויבערשטן וועסטו שווייגן - "והוא יפיל לך חללים" - וועט דיר ווערן א "לבי חלל בקרבי". אט דאס איז דער עיקר 'חללים'.

אזוי זענען דאך די בלוטן אין הארץ, זיי קאכן און ברענען, איז דאך דאס הארץ נישט הויל (חלול), דאס הארץ איז פארשטאפט מיט די בלוטן. אבער אז דו וועסט שווייגן, "דום לה'" - דאס שווייגן דיינע וועט טאקע זיין נאר לה' - ווייל דו האסט מבזה געווען דעם אויבערשטן דערפאר שווייגסטו - "הוא יפיל לך חללים" - טייטשט דער רבי: "לבי חלל בקרבי", "היינו על ידי זה נתמעט הדם שבחלל השמאלי".

דער רבי גיט א טייטש דעם פשט אין דער גמרא, אז פשט איז, 'יפיל לך חללים' - ער וועט ארײנלאזן א 'חלל' אין דעם הארץ, עס וועט ווערן 'לבי חלל בקרבי' ביי דיר, דאס וועסטו באקומען אלס שכר פארן שווייגן.

"וזה בחינת זביחת היצר הרע" - אט דאס הייסט שחט'ן דעם יצר הרע; די שמוציגע בלוטן דאס איז דער יצר הרע.

דער רבי האט געזאגט ר' שמואל אייזיק'ן[יז]: **"איבער אביסעלע בלוט וועסטו אנווערן דער וועלט און יענער וועלט? קרעכצע עס אויס!".**

א מענטש אז ער טוהט תשובה, ער שווייגט, עס קאכט זיך איבער, מיט דעם שחט ער דעם יצר הרע. דאס אז די בלוט ווערט אויסגערייניגט, דאס איז 'זביחת היצר הרע'.

"ועל ידי זה זוכה לכבוד אלקי" - וואס דער רבי האט געזאגט אויבן - צו "הַסְתֵּר דָּבָר". "כמו שכתוב (תהלים נ, כג): 'זֹבֵחַ תּוֹדָה יְכַבְּדָנְנִי', און חז"ל (סנהדרין מג:) דרש'ענען אז דער פסוק גייט ארויף 'על זביחת היצר הרע'".

אויף "יכבדנני" - זאגט די גמרא דארטן - עס איז גלייך ווי מען איז מיר מכבד אין ביידע עולמות. דער רבי וועט זאגן ווייטער וואס דאס מיינט 'ביידע עולמות'. "זובח" - אז ער איז זובח דעם יצר הרע - "תודה" - ער איז זיך מתוודה וידוי דברים - "יכבדנני" - צוויי נונ"ען - איז מען מיר מכבד מיט ביידע עולמות.

❖

## "דו וועסט זיך נישט דערהאלטן!"

רבי נתן ברעסלעגט[יח], ביים אנהויב התקרבות האט מען אים אזוי גע'רודפ'ט, א געוואלד, אז ער ווייסט נישט פון וואו ער האט גענומען כח דאס אויסצוהאלטן! געוואלד, פון

---

[יז] עיין חיי מוהר"ן אות תמ"א.

[יח] עיין ימי מוהרנ"ת אות ב'.

וואו האט ער גענומען כוחות? דאס איז אויך דער כח פון דעם צדיק![יט] מען שיקט אים אָן בזיונות, אבער מען גיט אים כוחות אז ער זאל קענען אויסהאלטן.

די גאנצע וועלט האט דאך אויף אים געקריגט - אויף רבי נתן'ען, מען האט מתיר געמאכט 'הריגה'! פון וואו האט ער גענומען כוחות? פון דעם כח פון דעם צדיק וואס ער האט זיך אזוי געהאלטן אין אים, איז ער נכלל געווארן.

דער אויבערשטער נעמט זיך אָן, "ה' לא יעזבנו בידו". "צוֹפֶה רָשָׁע לַצַּדִּיק וּמְבַקֵּשׁ לַהֲמִיתוֹ, ה' לֹא יַעַזְבֶנּוּ בְיָדוֹ"[כ], דער אויבערשטער נעמט זיך אָן פאר אים.

ער האט געהאט כוחות צו זיין א רודף אויך. די מחקרים האבן אים געזאגט: "אויב איר ווילט, ר' נתן, גיט אונז רשות - ביז פיר און צוואנציג שעה וועט זיך נישט געפינען אין דער לאנד קיינער פון זיי!". די מחקרים זענען געווען גרויסע מענטשן ביים קייסער.

וואס איז שוין? וועלן זיי נישט זיין אין דער לאנד, וועלן זיי זיין אין אַן אנדער לאנד. אז יענער וויל דיר הרג'ענען, על-פי דין מעג ער עס טוהן אויך. ער האט אבער גארנישט געוואלט הערן - "ניין! ניין! איך וויל נישט זיין קיין רודף!" - דאס איז נישט דעם רבי'נס זאך! נאר תפילה און תפילה, און דעם רבי'נס עצות!

ער האט טאקע צוגעווארט אביסל, און דער אויבערשטער האט אים געהאלפן, די חולקים זענען געווארן אויסגעלאזט, און רבי נתן מיט זיינע ספרים איז ער מקרב מענטשן צום אויבערשטן - און ער איז נאך איצטער מקרב מענטשן צום אויבערשטן, אבער ער האט געשוויגן.

בשעת די מחלוקות איז געווען איינער, האט יענער זיך אנגערופן א ווארט אויפן סאווראנער רב - עפעס אזא ווארט לגנאי. האט רבי נתן געזאגט: "דו וועסט זיך נישט דערהאלטן!".

---

[יט] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ג' שלח שנת תר"ד: **וְלוּלֵא ה' עֶזְרָתָה לָנוּ שֶׁאָנוּ סוֹמְכִים עַל כֹּחוֹ שֶׁל זָקֵן וְכוּ' אֵינִי יוֹדֵעַ אִם הָיָה לָנוּ כֹּחַ לְהַמְתִּין וְכוּ' בְּכָל מַה שֶּׁעוֹבֵר עַל כָּל אֶחָד בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.**

[כ] תהלים לז, לב-לג.

אז דו קענסט נישט זיך איינהאלטן דו זאלסט נישט רעדן - וועסטו זיך נישט דערהאלטן.

מען זאל נישט רעדן, נאר שווייגן און שווייגן.

❖

## ער זידלט - און איך שווייג!

עס איז געווען איינמאל אין קיבליטש, איינער האט געזידלט דעם שווער, יענער איז געקומען צום שווער - א גארנישט. האב איך זיך געוואלט אננעמען דארט. (אמר לי חותני:) "וואס ווילסטו? דאס איז דאך אונזער זאך, מיר דארפן שווייגן - און ער דארף זידלען!' דאס איז דאך אינגאנצן אונזער חסידות - 'ער זידלט - און איך שווייג!'"...

דאס איז דאך אונזער זאך - ער איז מבזה - און איך דארף שווייגן.

דאס איז פון די עצות פון דעם רבי'ן, דאס ארבעט אויס די תשובה, דאס מאכט א חלל אין הארץ, אזוי מיט דער צייט קויפט מען איין אפרסמון.

❖

(חסר) אז מען הייסטווארטן - דארף מען ווארטן; איינער איז דא, וואס מען הייסט אים ווארטן יאָרן יאָרן, און ער דארף וועלן און וועלן - ביז ער דערווארט זיך.ביים ענדע איז ער טאקע א ריינער, נישט אפגענארט - מיינען אז ער איז ריין...

מיר רעדן היינט פון דעם טשעהרינער רב, א צדיק ולמדן, א געוואלד ווער ער איז געווען. איז ער אמאל געגאנגען צום רבי'ן אויפן ציון מיט נאך איינעם. דער טשעהרינער רב איז געגאנגען א בגד משי. האט אים איינער אַן עזות פנים דארטן געווארפן א האנט מיט צואה, האט זיך עס צוגעקלעפט צו דער פלייצע... געוואלד! אזא אידן, א צדיק - וואו זעהט מען אזא איד אין דער וועלט?! האט זיך יענער (- מלוההו) אנגענומען פארן טשעהרינער רב. רופט זיך אָן דער שייגעץ: "דו רעדסט נאך? ער שווייגט כאטש - דו רעדסט נאך אויך?!"...

מען האט געמאכט דארטן ריין, אפגעוואשן, און אריין צום ציון. שוין.

'די גרויסע ערליכע אידן האבן געוואוסט אז דאס איז דעם רבי'נס זאך. קענען מיר וויסן וואספארא מין המתקה עס איז געווארן פון די מיני זאכענישן?!

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן מיר זאלן אריינגיין און ווען, לאמיר כאטש זיין פון די וואס זיי ווילן, ווילן קויפן אפרסמון, ווילן!

אינעווייניג האט זיך געטוהן אין עבודת ה' - און אינדרויסן איז 'נעלם מעין כל חי'! אזא רבי מיט תלמידים, אזא מין תורה, א געוואלד, די פמליא של מעלה איז דא, אלעס קאכט זיך, און אינדרויסן איז נעלם.

"דאס הייסט העלמה", "דאס הייסט העלמה"; "וזה בחינת ההעלמה!"[כא].

## געבראכט א מתנה!

אז דער רבי איז געקומען פון ארץ ישראל - "איך האב אייך געבראכט א מתנה - מחלוקת!" - האט דער רבי געזאגט.

קומט דאך אויס, ווען נישט דאס מחלוקת וואלטן מיר דעם רבי'ן נישט געהאט; אדער ער וואלט געווען אזוי נעלם; דורך מחלוקת האט איר א מתנה.

עס איז אזא נשמה וואס אָן מחלוקת וואלט ער בשום אופן נישט געקענט דא זיין[כב], וואלט ער בשום אופן נישט געקענט דא זיין אין דעם עולם, ער וואלט ווען בשום אופן נישט געקענט זיך האלטן דא אין דעם עולם אָן מחלוקת.

האבן מיר דאך א מתנה מחלוקת, דערפאר האבן מיר דעם רבי'ן! אז נישט וואלטן מיר דעם רבי'ן נישט געקענט האבן!

---

[כא] עיין ליקוטי מוהר"ן תנ' סי' ס"ז.

[כב] עיין סיפו"מ - מעשה ז' - מזבוב ועכביש.

אזא מין אור איז דאס, וואס מיט דעם וואס מען פארדעקט אים קען מען אים האבן; איז טאקע א מתנה!

"איך האב געבראכט א מתנה - מחלוקת!" - דאס איז א מתנה!

דער אויבערשטער גיט שוין אכטונג; דער רבי זאגט: "צופה רשע לצדיק" - ער פארדעקט אים[כג]; וויל ער אבער איגנאנצן אז ער זאל נישט קענען אטעמען - דער אויבערשטער לאזט נישט. פארדעקן - פארדעקט ער אים טאקע, אבער אזוי פיל פארדעקן אז ער זאל נישט קענען אפ'אָטעמען, דאס לאזט מען נישט אויבן.

דער רבי האט געזאגט טאקע אזוי: "אז מען פארשטעלט דעם וועג און מען לאזט מיר איבער א שמאל שטעשקעלע - מוטשע איך זיך און גיי דורך; (אבער אז ער טוהט) אינגאנצן פארשטעלן - נעמט מען אים צו!"[כד] - דאס לאזט מען נישט צו. ווייזט אויס, וויפיל עס איז דא מחלוקת - א שטעשקעלע בלייבט איבער, מען קען נאך, עס איז נאך דא א שטעשקעלע.

❖

## צוויי מאל תשובה טוהן

זאגט דער רבי (אות ג'): "וצריך לאחוז תמיד במידת התשובה, כי 'מִי יֹאמַר זִכִּיתִי לִבִּי טָהַרְתִּי מֵחַטָּאתִי' (משלי כ, ט). כי בשעה שאדם אומר 'חטאתי עויתי פשעתי', אפילו זה אי אפשר לומר בבר-לבב, בלי פניה".

עס שטייט דארטן, בשעת נתן הנביא איז געווען ביי דוד המלך (להוכיחו), האט ער געזאגט (שמואל-ב יב, יג): "חָטָאתִי לַה'". שטייט באלד (שם פסוק יד): "גַּם ה' הֶעֱבִיר חַטָּאתְךָ לֹא תָמוּת". זאגט דער מדרש, 'עס איז נגזר געווארן אויף אים מיתה', נאר וויבאלד ער האט געזאגט א ריינעם 'חטאתי', איז "גם ה' העביר חטאתך - לא תמות". ער איז געווען א מלך - א מלך איז העכער ווי א נביא.

---

[כג] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קי"ד; וסי' ר"ח.

[כד] מובא בשיש"ק (חדש) ח"א, אות רפ"ו.

"חטאתי"; איז שוין געווארן מלמעלה "גם ה' העביר חטאתך - לא תמות".

האט ער געזאגט א ריינעם 'חטאתי'; אבער ווער קען זאגן אז ער זאגט א ריינעם 'חטאתי'.

"נמצא", דארף ער טוהן "תשובה על התשובה הראשונה, היינו על 'חטאתי עויתי פשעתי' שאמר" - דארף ער דערויף אליין טוהן תשובה. "כי עליו נאמר (ישעי' כט, יג): 'בשפתיו כבדוני'". אויבן האבן מיר געלערנט אז דורך תשובה גיט מען אפ דעם אויבערשטן כבוד, "כי על ידי תשובה זוכה לכבוד ה'"; אבער "ולבו רחוק ממני" - נאר מיטן מויל גיט ער מיר אפ כבוד; אז ער זאגט נאכנישט קיין ריינעם 'חטאתי' איז דאך דאס הארץ ווייט.

מיר האבן גערעדט; דער רבי זאגט אויבן, ער דארף 'ידום' 'וישתוק' - דאס שווייגן זאל זיין א צווייענדיגער שווייגן, מען זאל שווייגן מיטן 'מויל' - נישט ענטפערן, און שווייגן אין 'האַרץ' אויך - ער זאל טראכטן 'מיר קומט דער בזיון'. אז איינער מיטן מויל שווייגט ער אבער אין הארץ טראכט ער - 'פארוואס איז מען מיר מבזה - פארוואס?!' וועט זיך נישט אויסארבעטן די תשובה, עס דארף זיך דאך אויסרייניגן דאס הארץ פון די דמים, פון דעם יצר הרע וואס ליגט אין דעם 'חלל השמאלי'. ווען קען דאס זיין? אז ער וועט זיך מתבונן זיין אין הארץ 'מיר קומט דער בזיון'; נישט אז מיטן הארץ איז ער ווייט און נאר מיטן מויל גיט ער מיר אפ כבוד[כה].

"**ואפילו אם יודע אדם בעצמו שעשה תשובה שלימה**" - אפילו מען ווייסט שוין ביי זיך 'איך האב געטוהן תשובה שלימה', דאס הייסט 'ער האט גע'הרג'עט דעם יצר הרע' - -

עס איז געווען אמאל פורים וואס ר' יצחק אייזיק יוסל (- אביו של ר' פנחס יהושע ז"ל מטשעהרין, ומהמקורבים הראשונים למוהרנ"ת) איז אביסל געווען בגילופין, האט ער א זאג געגעבן צו רבי נתן'ען: "**איך האב שוין נישט קיין מורא פארן יצר הרע!**". צומארגנס

---

[כה] נמצא שצריך שיהא דמימה - בפה, ושתיקה - בלב, ולא שיהא 'בשפתיו' כבדוני 'ולבו' רחק ממני".

**האט אים רבי נתן געפרעגט: "דו גערענקסט וואס דו האסט נעכטן געזאגט?" זאגט ער: "איך זאג היינט אויך אזוי!"**[כו].

**"א מענטש, אפילו ער ווייסט שוין ביי זיך אז ער האט געטוהן תשובה שלימה" - זאגט דער רבי - "אף על פי כן דארף ער טוהן תשובה על התשובה הראשונה".**

**"כי מתחילה כשעשה תשובה, עשה לפי השגתו" - ווערליג זיין השגה - אזוי האט ער געטוהן תשובה. "ואחר כך בוודאי כשעושה תשובה, בוודאי הוא מכיר ומשיג יותר את השי"ת. נמצא, לפי השגתו שמשיג עכשיו, בוודאי השגתו הראשונה הוא בחינת גשמיות" - האט ער דאך נעכטן גאר מגשם געווען 'אלקותו יתברך'. "נמצא שצריך לעשות תשובה על השגתו הראשונה" וואס דו האסט נעכטן מגשם געווען דעם אויבערשטן - "על שהתגשם את רוממות אלקותו".**

**אט די תשובה הייסט שוין 'עולם הבא'. 'השגתו יתברך' איז דאך 'עד אין-סוף'. בשעת ער טוט נאך תשובה צו הרג'ענען דעם יצר הרע - די ערשטע תשובה, זאגט דער רבי, דאס איז 'תשובה' פון 'דער' וועלט. וואס איז די וועלט? די תאוות מיט די מידות רעות, דאס האט א 'גבול'; אבער די תשובה פון עולם הבא, אויף השגה, דאס האט נישט קיין גבול, ווייל דער אויבערשטער איז דאך אַן 'אור אין-סוף'. וויבאלד ער האלט שוין דערביי אז ער האט שוין געטוהן תשובה פון 'כבוד עולם הזה', דארף ער טוהן תשובה אלס השגה, דאס איז שוין 'עולם הבא', וואס דעמאלט וועט זיין 'כולו שבת', עס וועט זיין 'כולו תשובה'. און דארטן איז נישט שייך ס'זאל זיך אויסלאזן, דער אויבערשטער איז דאך אַן 'אור אין-סוף'!**

**'צדיקים זענען שוין טויזנטער יארן אין גן עדן - און זיי זענען אלעמאל משיג דעם אויבערשטן מערער און מערער!'**[כז].

---

[כו] מובא בכוכבי אור - סיפורים נפלאים אות נ"ז, ועיי"ש עוד אודותיו.

[כז] עיין ליקוטי ש"ס (להאריז"ל) על מס' ברכות, וז"ל: תלמידי חכמים אין להם מנוחה לא בעוה"ז ולא בעוה"ב. הענין, כי בעולם שלאחר המיתה תלמידי חכמים עוסקים בתורה ועולין ממדריגה למדריגה ומישיבה לישיבה, כי **אפילו מרע"ה בכל יום ויום עולה ומשיג יותר**, כי כמו שהשי"ת אין לו סוף - כך תורתו אין לה סוף. גם עיין דרך מצוותיך - מצות פריה ורביה: **משה רבינו ע"ה זה ג' אלפים שנה בגן עדן,**

**אט דאס איז א תשובה פון עולם הבא! דאס איז א תשובה אָן קיין סוף!**

**"וזה בחינת עולם הבא, שיהיה כולו שבת, היינו כולו תשובה"**, אזוי ווי עס שטייט (דברים ל, ב): **"וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹקֶיךָ"** - דאס איז תשובה פון עולם הבא. **"כי עיקר עולם הבא הוא השגת אלקותו"** - אט דאס איז דער עולם הבא - דערקענען דעם אויבערשטן, משיג זיין דעם אויבערשטן. אין 'אור אין סוף' איז נישט שייך צו זאגן 'מען האט שוין דערקענט'. **"אזוי ווי עס שטייט** (ירמי' לא, לג): **'וַיֵדְעוּ אוֹתִי לְמִקְטַנָּם וְעַד גְּדוֹלָם'. נמצא, בכל עת שישיגו השגה יתירה, אזי יעשו תשובה על ההשגה ראשונה"**.

די ערשטע תשובה וואס מען טוהט תשובה דורכן 'זביחת היצר הרע' דאס איז 'כבוד עולם הזה' - ער גיט אוועק אלע תאוות און אלע תענוגים פון דער וועלט פארן אויבערשטנ'ס וועגן. און די אנדערע תשובה (- על ההשגה) איז שוין 'כבוד עולם הבא' - כבוד אָן קיין סוף.

**"וזה שאמרו חז"ל** (סנהדרין שם)**: 'כל הזובח את יצרו ומתוודה עליו'"**. פראסט פשט קען מען נישט פארשטיין וואס איז דער 'ומתוודה עליו' - אויף וועמען איז ער זיך מתוודה? - דער רבי וועט דאס איינטייטשן.

**"'כל הזובח את יצרו', דאס הייסט, 'תשובה', 'ולבי חלל בקרבי', 'דם לה'"**, דאס איז דעם שם אקי"ק, כתר, כבוד. **'ומתוודה עליו'"** - און ער איז זיך מתוודה אויף דער ערשטער תשובה, **"היינו שמתוודה על 'זביחת יצרו', היינו שעושה תשובה על תשובתו והשגתו הראשונה"** - ער טוהט תשובה, ער שעמט זיך דערויף וואס ער האט אזוי מגשם געווען דעם אויבערשטן.

קומט אויס, דאס איז דער 'ומתוודה עליו' - ער טוהט תשובה אויף דעם 'זביחת היצר', אויף דאס וואס ביז יעצט האט ער אזוי מגשם געווען 'אלקותו יתברך'.

---

**וכל שעה הוא הולך מחיל בעומק ההשגה בטעמי המצות.** ועכ"ז נאמר עליו לכל תכלה ראיתי קץ והמצוה עצמה רחבה מאד (תלים קי"ט צ"ו) כי יש בה עילוי אחר עילוי כו'.

**איז "כאילו כיבדו הקדוש ברוך הוא בשני עולמות. כי תשובה הראשונה - בחינת כבוד עולם הזה" - די ערשטע תשובה איז 'כבוד עולם הזה', ער גיט אוועק דער וועלט פארן אויבערשטן, ער האט נישט הנאה פון דער וועלט, אט דאס איז 'כבוד עולם הזה'. "ואחר התשובה שזוכה להשגה יתירה ומכיר ביותר את רוממות אלקותו ועושה תשובה על תשובתו - זאת התשובה הוא בחינת כבוד עולם הבא".**

א תשובה אויף השגות דאס איז שוין 'כבוד עולם הבא'. עולם הבא האט גארנישט קיין גבול. טאקע די אנדערע תשובה האט אויך נישט קיין גבול.

פון דאנעט קומט לכאורה אוים אז דער מענטש האט נישט קיין שייכות מיט די אנדערע תשובה סיידן אז ער האט שוין זוכה געווען צו 'תשובת עולם הזה', ערשט דעמאלט הויבט זיך אָן די אנדערע תשובה. אבער פון רבי נתן'ען אין א הלכה[כח] קומט אוים אז ער מוז האבן עפעס אַן השגה פון 'דארטן', פון די אנדערע תשובה, אז ער זאל קענען זוכה זיין צו די ערשטע תשובה בשלימות. ווייל ווי קען מען זוכה זיין צו די ערשטע תשובה בשלימות? אז ער דערקענט דעם אויבערשטן, ער זעהט דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט, ווי קען מען אינזינען האבן אזעלכע תאוות, אזעלכע נארישקייטן? קומט אוים, מוז ער דאך אנקומען צו די אנדערע תשובה אויך.

## תשובה פון יענער וועלט

**"וזה שאמרו חז"ל** (פסחים נ.)**: 'אוֹר יְקָרוֹת וְקִפָּאוֹן'** (זכרי' יד, ו)**"** - זאגט די גמרא, **"אור שהוא יקר בעולם הזה"** - אין דער וועלט איז עס זייער חשוב, **"יהיה קפוי וקל לעולם הבא"** - אין עולם הבא וועט זיך דער אור גארנישט אנזעהן. **"נמצא, בעולם הבא כשיזכו להשגה יתירה באלקותו, בוודאי יתחרטו ויעשו תשובה על השגת עולם הזה"**; דאס איז טאקע די 'בושה' (הנ"ל שעל ידי זה עיקר התשובה כנ"ל).

---

[כח] עיין הל' שבת ה"ז אות נ': כְּבָר מְבֹאָר לְעֵיל שֶׁעַל יְדֵי אֵלּוּ הַצַּדִּיקִים שֶׁהֵם עִקַּר בְּחִינַת קְדֻשַּׁת שַׁבָּת שֶׁכֻּלּוֹ תְּשׁוּבָה שֶׁל עוֹלָם הַבָּא, שֶׁהוּא עַל הַהַשָּׂגוֹת כַּנַּ"ל, עַל יָדָם יָכוֹל כָּל אֶחָד לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה אֲפִלּוּ הַגָּרוּעַ שֶׁבַּגְּרוּעִים. כִּי בְּכָל פַּעַם שֶׁהַצַּדִּיקִים הַנַּ"ל עוֹשִׂים תְּשׁוּבָה עַל הַשָּׂגָתָם הָרִאשׁוֹנָה וּבָאִים לְהַשָּׂגָה יְתֵרָה עַל יְדֵי זֶה מַשִּׂיגִין גְּדֻלַּת חֲסָדָיו בְּיוֹתֵר, שֶׁעַל יְדֵי זֶה מַגְבִּיהִין הַשְּׁפָלִים בְּיוֹתֵר וּמַכְנִיסִים גַּם בָּהֶם בְּחִינַת בְּקִיאוּת הַנַּ"ל שֶׁיִּזְכּוּ לְעֵת עַתָּה לְקַיֵּם וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל הִנֶּךָּ, וְגַם מִמְּקוֹמָם יַמְשִׁיכוּ עַצְמָן לַה' יִתְבָּרַךְ בְּכָל מַה שֶּׁעוֹבֵר עֲלֵיהֶם.

רבי אברהם ר' נחמן'ס רעדט אין "ביאור הליקוטים"[כט]: אויב די צדיקים וועלן זיך שעמען איינער פארן אנדערן - וואספארא גן עדן איז דאס אז מען וועט זיך האלטן אין איין שעמען? - 'אוי לה לאותה בושה, אוי לה לאותה כלימה'!? יהושע וועט זיך שעמען פאר משה'ן, און אלע וועלן זיך שעמען - וואספארא תענוג עולם הבא איז דאס אז מען וועט כסדר האבן בושה?

רעדט ער ארום: די גאנצע בושה איז, 'פארוואס האב איך נישט דערקענט דעם אויבערשטן??!', דאס איז אזא מין סארט בושה - נישט קיין צער, דאס איז טאקע א בושה - 'פארוואס האב איך אים נישט נעכטן דערקענט??!'.

אזוי ווי ר' שמואל אייזיק האט געזאגט: "**אז ער זאל זאגן דעם אייגענעם 'שמע ישראל' וואס נעכטן, [וואלט ער אוועקגעלייגט דעם קאפ ביים שוועל - מען זאל אים אפהאקן דעם קאפ - זיין לעבן איז אים נישט ניחא!**"[ל]].

צדיקים גייען דאך כסדר העכער, העכער, איז דארט אלץ דא בושה - 'פארוואס האב איך ביז אהער נישט געוואוסט דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט??!'.

דער רבי זאגט טאקע אין א תורה[לא]: 'דער עיקר תשובה איז בושה'. אז דער מענטש שעמט זיך, ער טוהט תשובה אויף די עוולות פון נעכטן, און דער עיקר, אז ער שעמט זיך 'פארוואס? פארוואס? פארוואס האב איך געהאט אזעלכע נארישע תענוגים אין זיך?! פארוואס, פארוואס??!' אט דאס איז דער עיקר 'בושה'.

**"כי השגת עולם הזה בבחינת גשם נגד השגת עולם הבא. וזה כאילו כיבדו להקב"ה בשני עולמות; כי זביחת היצר היא תשובה הראשונה, הוא בחינת כבוד**

---

[כט] על ליקוטי מוהר"ן תורה כ"א, באות ט"ז, ובמפתח כ"ג, עפ"י מ"ש רביז"ל שם על מאמר רז"ל לעתיד כל צדיק נכוה מחופתו של חבירו, אוי לה לאותה בושה וכו'. [גם עיין פרפראות לחכמה על תורה ו', אות י"ט].

[ל] עיין טעם זקנים קונטרס ק"מ, שסיפרו למוהרנ"ת על ר' שמואל אייזיק שהתבטא ככה. ונענה על זה מוהרנ"ת בזה"ל: "**אים האט דער רבי געפירט אויף א שארף פון א שווערד - און ער איז בייגעקומען. מיר האבן פונעם רבי'ן נישט אזוי מקבל געווען, מיר האבן מקבל געווען פון רבי'ן, אז מען קען נישט דאווענען יום כיפור - דאוונט מען צו גא-ט'ס נאמען!**".

[לא] ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ח אות ה'; תניינא סי' ע"ב.

עולם הזה" - ער גיט אפ דעם אויבערשטן כבוד אין דער וועלט, ער גיט אוועק דער וועלט פארן אויבערשטנ'ס וועגן. "והווידוי על זביחת היצר, היינו תשובה שנייה, היא כבוד עולם הבא, שהכבוד הראשון נעשה קפוי וקל נגד הכבוד השני".

"וזה שאמר הקב"ה (תהלים נ, כא): 'אֵלֶּה עָשִׂיתָ וְהֶחֱרַשְׁתִּי'". עס קומט דאך אויס, א מענטש אז ער שווייגט אויף א בזיון, איז ער זוכה צו תשובה; זאגט דער אויבערשטער, אז דו טוסט אזוי - און איך שווייג, "דִּמִּיתָ הֱיוֹת אֶהְיֶה כָמוֹךָ" - מיינסטו אז מיט מיין שווייגן וועל איך דען אויסארבעטן דעם שם אקי"ק? דער מענטש אז ער שווייגט, ווערט ער טאקע בבחינת אקי"ק, ווי מיר האבן אויבן געלערנט 'אנא זמין למהווי'; "אבל הקב"ה מה שמחריש לאדם אין זה בשביל אקי"ק ח"ו, כי זה אין שייך אצל הקב"ה, אין זה אלא כדי שיקבלו עונשם בעולם הבא, שאז מסדרין לעיניו עוונותיו, ויוכיח אותו על פניו. וזה: 'אוֹכִיחֲךָ וְאֶעֶרְכָה לְעֵינֶיךָ'".

(השואל: ווי איז שייך תשובה אין עולם הבא?) די השגות אלקות - אט דאס איז די תשובה, אט דאס הייסט תשובה! אז ער דערקענט דעם אויבערשטן מערער - האט ער דאך חרטה אויף פריער, ער שעמט זיך אויף פריער - דאס הייסט תשובה.

וואס איז טייטש דער ווארט 'תשובה'? 'זיך אומקערן צום אויבערשטן' 'זיין נענטער צום אויבערשטן'; 'דארטן' - וואס מער עס גייט אוועק, איז מען דאך נענטער, נענטער.

עס שטייט טאקע אין זוהר הקדוש[לב]: "וְשַׁבֵּחַ אֲנִי אֶת הַמֵּתִים שֶׁכְּבָר מֵתוּ"[לג]; וואס הייסט 'שכבר מתו'? - זאגט דער זוהר הקדוש, 'שכבר מתו' - זיי דערקענען דעם אויבערשטן מערער, שכבר מתו - שוין לאנג, איז דאך זייער השגה אין דעם אויבערשטן מער.

עס איז א חילוק פון א נפטר א צדיק פון פאר הונדערט יאר, ביז צוויי הונדערט יאר, און דריי הונדערט יאר, עס איז אלץ מערער און מערער (השגתם בו ית'); אט דאס איז דער 'שכבר מתו'.

---

[לב] [פר' וישב דף קפז: פר' חוקת דף קפב:].

[לג] קהלת ד, ב.

אוודאי, דא אין דעם עולם וואס מען כאפט אריין דא, איז אוודאי אוודאי (זייער טייער). דארטן איז 'אוכיחך ואערכה לעיניך', 'אז מסדרין לעיניו עוונותיו'.

רבי אברהם ר' נחמן'ס זאגט, דער עיקר בושה איז, מען זאל זיך אליין מבזה זיין - נישטווארטן אז יענער זאל מיר מבזה זיין. אז יענער איז מיר גארנישט מבזה, מען האלט מיר גאר פאר א גאון א למדן - ווער וועט מיר מבזה זיין, קיינער איז מיר נישט מבזה, מען גיט מיר כבוד, מען שטעלט זיך אויף פאר אים, ווי וועט ער זוכה זיין צו תשובה? זאגט רבי אברהם ר' נחמן'ס, 'דארף מען זיך אליין מבזה זיין', יעדן טאג זיך אליין מבזה זיין פארן אויבערשטן, זיך אויסרעדן פאר השי"ת, זיך אליין מבזה זיין.

איי - קען ער דאך אראפפאלן ביי זיך? זאל ער שווייגן! ער זאל זיך האלטן, ער זאל נישט אראפפאלן ביי זיך. דאס קען מען 'שוין' טוהן אלע טאג.

דער רבי האט א זאג געגעבן אמאל צו רבי נתן'ען: "**ווערסטו אמאל ריטשע רויט פארן אויבערשטן?!**".

'ריטשע רויט' איז א לשון אין אוקריינע, 'שטארק רויט'.

'ווערסטו אמאל ריטשע רויט פארן אויבערשטן?!'. אזוי ווי ווען מען איז איינעם מבייש, ווערט ער שטארק רויט, פארשעמט, ער שטעלט זיך אוועק אין א ווינקעלע און רעדט זיך אוים פאר השי"ת, אזוי דארף ער ווערן אזוי רויט, אזוי פארשעמט, אזוי ווי איינער איז אים מבזה, אזוי ווי מען זידלט אים אוים.

דאס איז תשובה, דאס הייסט תשובה!

## 'דער מלך איז דא ביי מיר אין שטוב!'

זאגט דער רבי (אות ד'): "וכשרוצה אדם לילך בדרכי התשובה" - אז א מענטש וויל גיין אין די וועגן פון תשובה. עס איז דא וועגן פון תשובה. "דארף ער זיין א בקי אין דער הלכה"' - אין דעם 'הילוך' דארף ער זיין א בקי. זאגט דער רבי, "דארף ער האבן

צוויי בקיאות'ן, היינו 'בקי ברצוא'" - אין דאס לויפן צום אויבערשטן, "און 'בקי בשוב'". עס שטייט דארטן ביי די חיות פון די מרכבה (יחזקאל א, יד): "וְהַחַיּוֹת רָצוֹא וָשׁוֹב" - זיי גיבן א לויף צום אויבערשטן און זיי קערן זיך באלד אום אויף צוריק.

אז א מענטש דרייט זיך דאך אין דעם עולם איז ער געבונדן מיט גשמיות'דיגע זאכן, מיט אלע זאכענישן, איז דא א 'רצוא' - אט לויפט ער צום אויבערשטן - דארף ער 'דארטן' זיין א בקי. און אט קערט ער זיך אום - דארף ער 'דארטן' זיין בקי. ער דארף זיין א בקי אין דעם הילוך - דא איז דא 'רצוא', און דא איז דא א 'שוב'.

אין דעם עולם קען מען נישט זיין כסדר 'רצוא', ער וועט ווערן בטל במציאות. א מענטש איז דאך געבונדן מיט אכילה ושתיה ושינה און אנדערע זאכן, ער איז געבונדן, דארף ער דארטן אויך זיין א בקי. און אמאל מאכט זיך אז מען האט א ירידה - מן שמים פירט מען צו א ירידה.

אט דאס הייסט 'ער גייט אין די וועגן פון תשובה', אז ער האט דיביידע בקיאות'ן. עס שטייט אין זוהר הקדוש (ויקהל ריג: האזינו רצב.): "זכאה מאן דעייל ונפיק" - 'וואס ער גייט אריין און גייט ארויס'. 'אריינגיין' הייסט 'רצוא'. און אמאל גייט ער ארויס. ער דארף זיין א בקי אין דעם 'עייל' - אין דאס אריינגיין, און א בקי אין דאס ארויסגיין; דעם אויבערשטן דארף מען אפגעבן כבוד תמיד, ביי וואס איך טוה, ווען איך 'עס', איך טרינק, ביי וואס איך טוה זאל איך דארט אפגעבן דעם אויבערשטן כבוד. דארף איך דארטן זיין א בקי אין דעם הילוך, סיי פון 'רצוא', און סיי אין 'שוב'.

"וזה בחינת (תהלים קלט, ח): 'אִם אֶסַּק שָׁמַיִם - שָׁם אָתָּה'" - דארט איז דא דער אויבערשטער! דו זאלסט נישט מיינען אז דו ביסט שוין פארטיג! דו זאלסט וויסן אז דער אויבערשטער איז דארטן דא! "דאס איז בחינת 'עייל', בחינת 'בקי ברצוא'. 'וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל'" - און אז ער בעט זיך אוים אין שאול תחתיות, אפילו דארטן "הִנֶּךָּ". 'הנך' איז נאך מער (א לשון) נוכח ווי 'שָׁם אָתָּה'; 'הנךָ' - אט איז ער; 'ואציעה שאול - הנך' - איז דער אויבערשטער אויך מיט דיר! זיי דיר נישט מייאש, פאל נישט אראפ ביי זיך. דאס הייסט "בחינת 'ונפיק', דאס איז 'בקי בשוב'", דאס איז די וועגן פון תשובה.

א מענטש אז ער וויל טוהן תשובה מוז ער האבן דיביידע וועגן; טאמער האט ער נאר איין וועג - אין תורה און תפילה וועט ער ברענען, אבער אז עס קומט צו אנדערע זאכן (האט ער נישט די בקיאות), ער האט נאר איין וועג, גייט ער נאך נישט אין די וועגן פון תשובה. ער מוז גיין אין די וועגן פון תשובה, און דאס איז דער וועג - 'עייל' און 'נפיק', 'רצוא ושוב'. "דעמאלט אז ער האט די ביידע בקיאות'ן דעמאלט גייט ער אין די וועגן פון תשובה".

דאס איז 'אלו"ל' - "אֲנִי לְדוֹדִי וְדוֹדִי לִי" (שיה"ש ו, ג), דאס איז די צוויי וועגן; "'אני לדודי' - דאס איז א וועג פון 'עייל'" - ער גייט צום אויבערשטן, ער דאווענט, ער לערנט, 'אם אסק שמים', בחינת עייל. "ודודי לי" - אמאל לאזט זיך דער אויבערשטער אראפ צו אים, דער אויבערשטער איז אים מחזק. א לשון פונעם רבי'ן[לד]: "גאט איז מיט דיר און ביי דיר, לעבן דיר!", דעמאלט קומט דער אויבערשטער צו אים.

רבי נתן זאגט אין א הלכה[לה], וועגן 'ביקור חולים', אז דער מענטש איז געזונט און ער גייט צום מלך, איז א גאנצע הלכה דא פון דעם מלך - ער דארף גיין אנגעטוהן שיין, אויסגעוואשן שיין, נישט זיין א מורד במלכות, אפגעבן דעם מלך דעם כבוד וואס מען דארף אפגעבן דעם מלך.

אבער אז דער מענטש איז שלאַף (חולה) און דער מלך גייט אים מבקר חולה זיין, דעמאלט דארף ער זיך נישט אויפשטעלן גאר, ער ליגט דאך גאר קראנק - ווי קען ער זיך אויפהויבן?! נאר איין זאך דארף ער וויסן - 'דער מלך איז דא ביי מיר אין שטוב!' דער מלך איז ביי מיר אין שטוב! דער אויבערשטער גייט צו מיר! אז דער אויבערשטער זעהט דארטן ווי ער איז קראנק, שטארקט ער אים.

אט די ביידע זאכן, דאס איז אלול, די ביידע וועגן; 'אני לדודי' - איך גיי צום אויבערשטן, און אמאל 'ודודי לי' - דער אויבערשטער גייט צו מיר.

---

[לד] מוזכר כמה פעמים בעלים לתרופה, עיין במכתב ממוצ"ש שבת שירה תקצ"ה; יום א' וארא תקצ"ו; ערשב"ק בלק ת"ר. גם עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ס"ח.

[לה] ליקוטי הלכות הל' השכמת הבוקר ה"ד אות י"ד.

"[וזה סוד כוונת אלול], וזה עיקר כבודו". אז ער האט אין זיך דיביידע וועגן, דעמאלט איז דער עיקר כבודו; טאמער איז נאר איין וועג, איז ער נאכנישט מכבד דעם אויבערשטן.

"וזה (ישעי' נח, יג): 'וְכִבַּדְתּוֹ מֵעֲשׂוֹת דְּרָכֶיךָ'. 'דרכיך' - לשון רבים"; אז דו וועסט האבן צוויי וועגן, אי עייל, אי נפיק, דעמאלט ביסטו מיר מכבד, דעמאלט איז "וכבדתו". זאגט דער רבי: "דעמאלט אז ער האט די ביידע בקיאות'ן, דעמאלט גייט ער 'בדרכי התשובה' און ער איז זוכה צו כבוד ה'. כמו שכתוב: 'וכבדתו מעשות דרכיך'. היינו שזוכה לכתר, כי לית כבוד בלא כף".

## דווקא ווייל דו ביסט נידריג

אויבן האבן מיר געלערנט אז 'כתר' איז טייטש 'וואַרטן', "כתר לי זעיר". דער רבי זאגט אויבן, דער עיקר תשובה איז 'אנא זמין למיהוי'. אט דאס איז ביי די צדיקים דער עיקר תשובה, 'זיך אנגרייטן צו האבן אַן הוויה' - דער שם אקי"ק.

עס שטייט טאקע פון דעם רבי'ן ר' אלימלך[לי]: "פִּתְחוּ לִי שַׁעֲרֵי צֶדֶק" - דאס איז "זֶה הַשַּׁעַר לַה'"! אז מען זאל תמיד שרייען: "עפן מיר אויף די 'שערי צדק', דאס איז דער 'שער לה'"! מען זאל תמיד שרייען - 'עפן מיר אויף'! טאמער מיינט ער אז מען האט אים שוין געעפנט, איז ער נישט ביים שער לה'. אט דאס איז דער 'שער', אז ער זאל תמיד שרייען, 'רבונו של עולם - עפן מיר אויף! פתחו לי!' דאס איז דער שם אקי"ק, אנא זמין למיהוי, ער וויל זיך אנגרייטן.

כאטש יקו"ק איז דאך דער עיקר שם, הויבן די צדיקים אָן ביי דעם שם אקי"ק, 'אנא זמין למיהוי', זיך אנגרייטן צו האבן אַן הוויה. און דייקא די וואס זענען 'נסוגים אחור', זיי איז דער שם הוי"ה זיי מחיה. ווייל דער שם הוי"ה איז דאך אז דער אויבערשטער לאזט זיך אראפ צו אים - 'איך בין מיט דיר, ביי דיר, לעבן דיר!' דער שם הוי"ה איז דייקא פאר די רחוקים. אבער די גדולים, זיי 'ווילן' דאך איצטער האבן אַן הוי"ה, אנא זמין למיהוי, זיי ווילן זיך אנגרייטן.

---

[לי] עיין סו"ס נועם אלימלך בליקוטי שושנה ד"ה פתחו לי שערי צדק וכו'.

איז א געוואלדיגע התחזקות דא, אז דער מענטש זאל נישט ביי זיך אראפפאלן, ווייל דייקא אז דו ביסט נידריג האסטו דעם שם הוי"ה וואס ער איז דיר מחיה, ער קוויקט דיר. "כולו ס"ג" דאס איז דער שם הוי"ה במלואו. דער שם אקי"ק במלואו איז קס"א - דער רבי רעדט דאס ווייטער דא.

אט די תורה האט דער רבי געזאגט 'שבת שובה'. מען פלעגט דאך אריינגיין צום רבי'ן נאך הבדלה, האט דער רבי געזאגט דעמאלט: "זאל מיר זאגן 'איזה מקובל' וואו איז מרומז דא די כוונות פון אלול?!" - האבן זיי נישט אזוי געוואוסט, האט דער רבי זיי געהייסן אים ווייזן דעם "עץ חיים". [ווייטער טייטשט דער רבי דאס איין, דעם סגול, מיט דעם חיריק]. קומט אויס, איז דער אויספיר געזאגט געווארן אויפדערנאכט נאך הבדלה[לז].

## מקרב זיין די גאנצע וועלט

רבי נתן ברענגט: "אז מען זאל געווען נישט קריגן אויפן רבי'ן וואלט דער רבי מקרב געווען די גאנצע וועלט צום אויבערשטן!"[לח].

פלעגט רבי אברהם ר' נחמן'ס זאגן: וואס הייסט די 'גאנצע' וועלט? די גרעסטע מענטשן און די קלענסטע, אט דאס איז די וועלט[לט]. ווייל פאר די 'גרעסטע' וואלט דער רבי זיי געוויזן אז זיי ווייסן נאך גארנישט - דאס וואלט זיי מקרב געווען. און פאר די 'קלענערע' וואלט ער געוויזן - 'דער אויבערשטער איז מיט אייך און ביי אייך און לעבן אייך!' - וואלט ער די גאנצע וועלט מקרב געווען צום אויבערשטן.

פאר די גרויסע דארף מען ווייזן אז זיי ווייסן נאך גארנישט, זיי האבן נאך גארנישט אנגעהויבן, זיי דארפן דאך נאר זוכן דעם אויבערשטן; וואס מען ווייזט זיי מער - זענען

---

[לז] עיין כל זה בחיי מוהר"ן אות ב'.

[לח] עיין חיי מוהר"ן אות קט"ו: **וְלוּלֵא שֶׁהִתְגַּבֵּר הַקִּטְרוּג עַל הָעוֹלָם עַד שֶׁלֹּא הָיָה הָעוֹלָם כְּדַאי לִינֹק מֵאוֹר כָּזֶה וְעָמַד וּגְנָזוֹ, הָיָה נִתְגַּלֶּה גְּדֻלָּתוֹ בָּעוֹלָם וְהָיָה מַחֲזִיר כָּל הָעוֹלָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ.** כִּי זֶה הָיָה כָּל מְגַמָּתוֹ תָּמִיד כָּל יְמֵי חַיָּיו, וּבָזֶה עָסַק תָּמִיד לְזַכּוֹת הָרַבִּים וּלְהוֹצִיאָם מֵחֹשֶׁךְ לָאוֹר, מֵאֲפֵלָה לְאוֹר גָּדוֹל.

[לט] עפ"י מ"ש בליקוטי מוהר"ן תניינא ז' אות ז'; שם סי' ס"ח, עיי"ש.

זיי מער צופרידן - זיי ווילן דאך דאס, 'אנא זמין למיהוי', זיי ווילן זיך אנגרייטן האבן אַן הווי"ה; אט דאס איז דאס התקרבות פון די גדולים. און ווייטער, פאר די קטנים, ער ווייסט דאך אז ער איז גארנישט, אים דארף מען קוויקן - 'דער אויבערשטער איז מיט דיר און ביי דיר, דער אויבערשטער וויל דיר נאך'.

דער צדיק האט אין זיך דעם כח; די גרויסע קען ער ווייזן אז זיי ווייסן נאך גארנישט. דער רבי זאגט דאך אין די תורה "כי מרחמם ינהגם"[מ] אז דער 'קברו של משה' איז, 'עליונים' ווייזט מען - דער קבר איז אונטן, און די 'תחתונים' ווייזט מען - דער קבר איז אויבן. טייטש דער רבי אזוי; 'עליונים' ווייזט ער אז זיי זענען 'אונטן', און די 'תחתונים' ווייזט ער אז זיי זענען 'אויבן', דערמיט איז ער זיי אלעמען מקרב צום אויבערשטן[מא].

[מ] ליקוטי מוהר"ן תנ' ז' אות י"ג עפ"י מ"ש בגמ' סוטה י"ד בקברו של משה - עליונים נדמה להם למטה וכו' עיי"ש.

[מא] עיין פרפראות לחכמה על תורה זו, אות כ"ו, מש"ש: "ורימז כאן שעיקר הארת דעתו הקדושה לאחר פטירתו הוא על ידי קדושת קברו הקדוש ... כמו כן ממש **גם עכשיו יש כח זה בבחינת קבורתו של משה** שמקבל משם כל אחד תועלת לנפשו כפי בחינתו בחינת עליונים נדמה להם למטה ותחתונים נדמה להם למעלה כמבואר בפנים, עכ"ל.

# על הטוב יזכרו ידידנו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מו"ה משה הכהן
זילביגער הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת הבת למזל טוב

מו"ה יוסף זכרי'
שווארץ הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת בנו למזל טוב

מו"ה יואל
מענדלאוויטש הי"ו
מאנסי
לרגל הולדת הבת למזל טוב

מו"ה יואל אדלער הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל אירוסי בנו הבה"ח כמר משה נ"י
ולרגל הולדת נכדתו אצל בנו מו"ה
מרדכי הי"ו מקרית טאהש למז"ט

בקשו רחמים מרובים עבור האברך

## אלטר נפתלי
## בן-ציון בן מינדל

לרפו"ש

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת רוחמה שרה ע"ה בת ר' יצחק הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת פיגא רבקה בת ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים